**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט די עפענונג פון די דרייצנטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אינציאטיוו

***ניו יארק סטעיט קאַנסאַלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע יעצט אפן מיט פינאנצירונג צו באקומען פון 30 פראגראמען***

***קאונסילס וועלן איבערארבעטן זייערע סטראטעגישע פלענער צו אפשפיגלען שטארקייטן און פריאריטעטן פון זייער ראיאן***

***נייע פארמעסט וועט שענקן פאר דריי ראיאנען 10 מיליאן דאלאר יעדע איינס צו איינפירן שעפערישע לייזונגען צו סטעיט-ברייטע פראבלעמען***

***נייע קליינע 'מייקראו' פראגראמען וועלן שענקן אינפראסטרוקטורישע געלטער פאר היימישע געטראנקען פירמעס און נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון די דרייצנטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council, REDC) אינציאטיוו. די דרייצנטע רונדע רעכנט אריין אינפראסטרוקטורישע גרענטס און טעקס-קרעדיט פינאנצירונג אויסגעמישט מיט א ברייטע רייע פראגראמען פון 10 סטעיט אגענטורן – אריינרעכנענדיג 150 מיליאן דאלאר אין גרענט געלטער פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט – וועלכע פראיעקטן וועלן קענען באקומען אויף אנגייענדן פארנעם. די קאונסילס ווערן געמוטיגט צו שטיצן פראיעקטן וועלכע מאכן פארשריט מיט- אדער אדרעסירן סטראטעגישע סטעיט פריאריטעטן, אריינרעכנענדיג גרינע געביידעס און ענווייראמענט-פריינטליכע דעוועלאפמענט, טשיילד קעיר, קאמיוניטיס אין שווערע מצבים און נייע סארטן פובליק-פריוואטע שותפות'ן; די פראיעקטן וועלן זיין בארעכטיגט פאר נאך גרענט פינאנצירונג. א נייע זאך פאר היי יאר איז צוויי נייע 'מייקראָו' פראגראמען וועלכע וועלן שענקען אינפראסטרוקטורישע גרענטס צו שטיצן היימישע געטראנקען פירמעס און נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס, און א נייע 30 מיליאן דאלארדיגע פארמעסט וועט שענקען 10 מיליאן דאלאר פאר ביז אזויפיל ווי דריי ראיאנען צו איינפירן שעפערישע לייזונגען וויאזוי זיך צו באגיין מיט אנגייענדע שטרויכלונגען צו עקאנאמישע וואוקס. אזוי אויך, צום ערשטן מאל זינט 2015 וועלן די קאונסילס באאויפטראגט ווערן צו איבערארבעטן זייערע סטראטעגישע ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער.

"אונזער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אינציאטיוו זעצט פאר צו טראנספארמירן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, שאפנדיג נייע דזשאבס און טרייבנדיג פאר פריוואטע אינוועסטירונג אריבער גאנץ ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אנהויב פון די נייעסטע רונדע בויט ארויף אויף די סטעיט'ס באמיאונגען צו אדרעסירן די מערסטע דרינגנדע עקאנאמישע פריאריטעטן – אנגעהויבן פון ענווייראמענט-פריינטליכע דעוועלאפמענט און ביז די וואקסנדע פארלאנג פאר טשיילד קעיר (פלעי

גרופּס) – און אויך אין די זעלבע צייט באפולמעכטיגן קאמיוניטיס צו אויסנוצן זייערע ראיאנישע שטארקייטן. א דאנק די ארבעט פון די REDC'ס זעצט ניו יארק פאר צו מאכן די טרייבנדע אינוועסטירונגען וועלכע שטיצן עקאנאמישע וואוקס און פארגעזעצטע הצלחה אין יעדע ווינקל פון אונזער סטעיט."

"איך בין שטאלץ צו אנפירן די קומענדיגע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אינציאטיוו און צו ווייזן די וועג פאראויס פאר די קאונסילס אין א ריכטונג וואס שטעלט פונדאסניי אוועק די פריאריטעטן פאר וואוקס פאר יעדע ראיאן," **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "דורכן ארבעטן צוזאמען אין קאארדינאציע וועלן מיר טרעפן די געלעגנהייטן צו פאראויס שטופן וויכטיגע אינדוסטריעס, פאראויס שטופן פראיעקטן וועלכע קומען נאך ראיאנישע באדערפענישן און בארייכערן די עקאנאמישע חזון פאר די צוקונפט אין יעדע ראיאן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "כאטש די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אינציאטיוו איז שוין ביז היינט געווען אן ערפאלגרייכע מוסטער פאר עקאנאמישע וואוקס אין ניו יארק סטעיט, דאך זענען מיר באאויפטראגט געווארן אונטער די אנווייזונג פון גאווערנער האקול צו בארייכערן די וויכטיגע פראגראמען וועלכע וועלן ארויפבויען אויף אונזערע פילע הצלחות. יעדע ראיאן וועט איבערארבעטן זייערע סטראטעגישע פלענער צו פונדאסניי אוועקשטעלן זייערע פריאריטעטן פאר וואוקס, צו ווייטער באשטימען וויאזוי די מיטלען וועלן גענוצט ווערן און צו אויסשטעלן אן איבערגעארבעטע מאפע פאר יעדע ראיאן וויאזוי צו ערגרייכן זייער עקאנאמישע חזון פאר די צוקונפט."

**ראיאנישע סטראטעגישע פלאנירונג פראצעדור ענדערונג**

די 10 REDC'ס נעמען אנווייזונגען פון זייערע ראיאנישע סטראטעגישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער וועלכע שטרייכן אונטער די אייגנארטיגע אייגנשאפטן פון יעדע ראיאן און וועלכע גיבן סטראטעגיעס וויאזוי צו איינשפאנען לאקאלע מיטלען צו אויפטרייבן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג און שאפן נייע דזשאבס אריבער די סטעיט. דעם יאר וועלן די ראיאנישע קאונסילס איבערקוקן און איבערארבעטן זייערע פלענער צו פונדאסניי אוועקשטעלן די פריאריטעטן פאר וואוקס אין יעדע ראיאן, צו באשטימען וויאזוי צו אויסנוצן די מיטלען וואס זיי ווערן געגעבן און צו אהערשטעלן אן איבערגעארבעטע מאפע וויאזוי צו ערגרייכן זייער עקאנאמישע חזון.

אלץ טייל פון די איבערגעארבעטע סטראטעגישע פלאן וועלן די קאונסילס באאויפטראגט ווערן מיטן אנאליזירן ספעציפישע שוועריגקייטן וועלכע שטייען אין וועג פון עקאנאמישע וואוקס. יעדע REDC וועט אנטוויקלען א פארשלאג וואס רעכנט אויס שעפערישע און נייע לייזונגען וועלכע אדרעסירן איין ספעציפישע זאך וואס זיי וועלן אויס. די פארשלאגן וועלן איבערגעקוקט ווערן דורך די סטעיט, און ביז דריי פארשלאגן וועלן געשאנקען ווערן ביז 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו איינפירן די פארגעשלאגענע לייזונגען.

**קאַנסאַלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע**

די ראיאנישע קאונסילס וועלן גיבן א צייכן פאר פראיעקטן וועלכע ווערן אריינגעגעבן דורך די קאַנסאַלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע (Consolidated Funding Application, CFA), די סטעיט'ס אפליקאציע פאר מערערע סטעיט מיטלען אויף איין פלאץ, וואס רעכנט אריין פראגראמען פון מערערע אגענטורן. עס איז אויסגעטשעלט צו געבן פאר פראיעקטן אפליקאנטן שנעלערע און גלאטערע צוטריט צו א ברייטע רייע פון גרענט קאסעס און טעקס קרעדיטס פון צענדליגע עקזיסטירנדע פראגראמען. היי יאר וועט פינאנצירונג זיין מעגליך צו באקומען פון 10 סטעיט אגענטורן דורך 30 פראגראמען. ראיאנישע קאונסילס וועלן איבערקוקן פראיעקטן און גיבן א צייכן וואס שפיגלט אפ ווי גוט א פראיעקט איז אין ליניע מיט די ראיאן'ס ציהלן און סטראטעגיעס.

אין די דרייצנטע רונדע קומט די ESD ארויס מיט צוויי נייע 'מייקראָ' גרענט פראגראמען: דער היימישע געטראנקען מייקראָ גרענט פראגראם (Craft Beverage Micro Grant Program) און דער נאָנ-פראפיט אינפראסטרוקטורישע גרענט פראגראם (Not-for-Profit Capital Grant Program). ביז אזויפיל ווי 5 מיליאן דאלאר וועט צוגעשטעלט ווערן דורך דעם היימישע געטראנקען מייקראָ גרענט פראגראם, אויסגעשטעלט צו פארגרעסערן פראדוקציע קאפאציטעט, ביזנעס אינפראסטרוקטור און פארדינסטן פון ביזנעסער וועלכע זענען לייסענסירט צו פראדוצירן וויין, ביר, ברוינפן, אלקאהאלישע סיידער און מעד אין ניו יארק סטעיט. גרענטס צווישן $25,000 און $50,000 וועלן ארויסהעלפן מיטן איינקויפן עקוויפּמענט און מיט מאדערניזירונגען צו די איינריכטונגען.

ביז אזויפיל ווי 5 מיליאן דאלאר וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך דעם נאנ-פראפיט אינפראסטרוקטורישע גרענט פראגראם וואס וועט שענקען 'מעטשינג פאָנדס' גרענטס פאר נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו עקאנאמישע און קאמיוניטי בענעפיטן אין זייער ראיאן כדי זיי צו העלפן מיט פארבעסערונגען און מאדערניזירונגען צו זייערע איינריכטונגען. גרענט סומעס וועלן זיין צווישן $25,000 און $100,000.

די REDC 2023 אנווייזונג ביכל און א ליסטע פון אנדערע רעסארסן וועלכע זענען דא צו באקומען פאר REDC מיטגלידער זענען ביידע פארעפנטליכט [דא](). די CFA געפונט זיך [דא](); די טערמין פאר אפליקאציעס איז פרייטאג, יולי 28, 4 נאכמיטאג. אפענע איינשרייבונג פראגראמען זענען נישט אונטערגעווארפן צו די יולי 28 טערמין און וועלן פארזעצן צו אננעמען אפליקאציעס אויף אן אנגייענדן פארנעם ביז די געלטער ווערן אויסגענוצט.

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. דורך די REDC איניציאטיוו זענען שוין ביז היינט מער פון 7.7 ביליאן דאלאר געשאנקען געווארן צו מער פון 9,500 דזשאב שאפונג און קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן אין איינקלאנג מיט יעדער ראיאן'ס סטראטעגישע פלאן.

**איבער די קאָנסאַלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**
דער קאָנסאַלידעיטעד פאָנדינג (פאראייניגטע פינאנצירונג) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפּלייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. די CFA פראצעדור באצייכנט א פונדאמענטאלע טויש אין די וועג וויאזוי סטעיט געלטער ווערן פארטיילט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און א מער געשליפענע פראצעדור צו ערפילן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג באדערפענישן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט קענען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן נוצן די CFA אלץ א שטיצע מעכאניזם צו צוקומען צו מערערע סטעיט פינאנצירונג מקורות דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעדור שנעלער, גרינגער און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA [דא]().

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**
דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט׳ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסניי אנגעדייטעט דעם אופן וויאזוי ניו יארק

אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט שטיצע-מיטלען. לערנט מער אויף regionalcouncils.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן